וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת שמות, כ"ה טבת תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון נ"ט

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות........................ 4:27
מוצאי שבת............................ 5:59

## א מעשה פון תפלה

### אשר יעקב בלום

איך האב געדארפט האבן בעטן פאר מיין נייע דירה אין שטעטל, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן פיינע גוטע בעטן, דער אייבערשטער האט געהאלפן אז האברך שלמה יאקאבאוויטש הי"ו האט געהאט גוטע בעטן וואס ער האט געזוכט אוועק צו געבן, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך בין פון דעם געוואר געווארן, אזוי האב איך באקומען ברוך השם פיינע בעטן. שכח אייבערשטער!

### יוסי פריעדמאן

די שטאט האט געטיילט קארטלעך פאר יעדן קינד וואס גייט שוין אין סקול, וואס מען קען דאס ניצן צו קויפן עסן אין גראסערי, איין קארטל האט נישט געארבעט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל יא ארבעטן, איך האב אריין גערופן אין סקול, איך האב זיי געבעטן זיי זאלן קוקן אפשר איז די געבורטס טאג פונעם קינד נישט גוט אריינגעלייגט, זיי האבן דאס טאקע פאררעכטן און ברוך השם די קארטל האט אנגעהויבן צו ארבעטן.

### יוסי שניטצלער

א) איך האב געכאפט א טיפע שניט אויף מיין פינגער, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל זיך שנעל אויסהיילן און ס'זאל שיין צוריקוואקסן, שכח אייבערשטער אז ס'היילט זיך שוין אויס און ס'וואקסט שיין צוריק.

ב) מיין קאר האט זיך צובראכן, יעדער איינער האט מיר געזאגט אן אנדערן מהלך וואס איך האב צוטון, איינער האט מיר געזאגט איך זאל עס שיקן פאררעכטן ביי א מעכאניק, דאס קאסט אבער געלט וואס איך האב נישט געוויסט פון וואו איך וועל דאס האבן, איינער האט מיר געזאגט איך זאל רופן די קאמפאני און זיי וועלן עס זיכער פאררעכטן, איינער זאגט מיר בשום אופן זאלסטו נישט רופן די קאמפאני, בקיצור איך בין געווען אינגאנצן צומישט, איך האב געפרעגט דעם אייבערשטן וואס צו טון, דער אייבערשטער האט מיר אריינגעשיינט איך זאל עס שיקן פיקסן און געלט וועט שוין דער אייבערשטער שיקן, שכח אייבערשטער זיי האבן עס פאררעכטן און איך האב ברוך השם געהאט דאס געלט דערפאר.

ג) איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן שניי רעדלעך פאר די קאר, שכח אייבערשטער עס איז מיר אנגעקומען פיינע שניי רעדלעך.

ד) פארגאנגענעם שבת איז געווען א געפערליכע גליטש אויף די גאסן, אפאר אינגעלייט האבן זיך ליידער אויסגעגליטשט [פארשטייט זיך זיי האבן זיך אויפגעשטעלט און ווייטער געגאנגען אזוי ווי א ברסלב'ער חסיד דארף צו טון], איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל מיך נישט אויסגליטשן, שכח אייבערשטער איך האב מיך ברוך השם נישט אויסגעגליטשט.

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשוב'ע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן ביי אונז אין שטעטל

**שמעון קרדוזו נ"י וזוגתו נחמה מלכה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און זיי זאלן קענען אויפציען די קינדער אויף דעם הייליגן רבינ'ס וועג און זעהן פון זיי אסאך אידיש נחת.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר ווילן וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר אונזער חשובער מנהל

**הר"ר אברהם משה שטראססער שליט"א וזוגתו תחי'**

**צו די שידוך שליסן פון זייער טאכטער תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט.

## נייעס אין שטעטל

### נייעס אין תלמוד תורה

פארגאנגענעם דאנערשטאג איז פארגעקומען די אפשערן פון הילד מרדכי בן ר' העניך אינדיג נ"י, אינדערפרי איז מען אריבערגעגאנגען צו די תלמוד תורה וואו דער חשובער מלמד הר"ר יוסף שניטצלער שליט"א האט געזאגט די אלף בית מיט'ן קינד און געלעקט די האניג אזוי ווי דער מנהג איז, דערנאך האט מען געטיילט פעקלעך פאר אלע קינדערלעך, און אלע קינדער זענען צוזאמען ארויס אין א טאנץ **"אה מחיה קאפל, אה מחיה פיאות, אה מחיה ציצית, אה מחיה שטעטל"**.

פארגאנגענעם זונטאג איז געפאלן א שיינער שניי, מאנטאג אינדערפרי איז געווען שווער ארומצופארן במילא איז נישט געווען קיין טראנספארטעישן, אבער די תלמוד תורה און אזוי אויך די סקול איז אנגעגאנגען ווי געהעריג, אפאר געטרייע אינגעלייט פון שטעטל האבן געטראגן די קינדער אין תלמוד תורה. [נאכמיטאג האט מען געמאכט א גרויסע בארג שניי אינדרויסן פון תלמוד תורה בילדינג, די קינדער האבן זיך מחיה געווען צו קענען אביסל שפילן אויף די שניי. דאס האט אויך דער הייליגער רבי האט געטוהן אלס אינגל, ער האט זיך געגליטשט אויף די שניי און אנדערע קינדער האבן געמיינט אז ער איז א קינד פונקט ווי זיי].

מיר האבן ברוך השם געטרייע מלמדים וואס זענען גרייט פאר די קינדער יעדן טאג נישט קיין חילוק וואס די וועטער איז אינדרויסן, און אפילו ווען ס'איז דא א שמחה האלטן זיי זיך אפ פון גיין, אלץ כדי צו קענען זיין מיט די קינדער אויסגערוטערהייט, אלע עלטערן אין שטעטל זענען באמת מכיר טובה פאר די איבערגעגעבענע מלמדים.

פארגאנגענע וואך ביים באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א אין תלמוד תורה און אין סקול, האט זיך דער ראש ישיבה אויסגעדריקט פאר די איינגעשטעלטע **"דאס איז די גאנצע שטעטל"**.

דער אייבערשטער זאל זיי ווייטער געבן כח אנצוגיין אין די הייליגע ארבעט ביתר שאת וביתר עז.

### פרויען צאמקום יעדע וואך אין שטעטל

יעדע וואך דינסטאג ביינאכט קומט פאר די צאמקום פאר די חשוב'ע פרויען פון שטעטל, וואס דאס גייט שוין אן אזוי איבער א יאר פון ווען די שטעטל האט זיך געגרונדעט ביז היינט.

עס ווערט איבערגעגעבן א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א יעדע וואך ספעציעל פאר די שטעטל, וואס דאס גיבט חיות פאר די חשוב'ע פרויען אנצוגיין מיט זייער הייליגע ארבעט וואס זיי האבן צו מחנך זיין די טייערע קינדער, און אנגיין ווייטער מיט די שטוב ארבעט, ועל כולם צו האבן א וועג וויאזוי צו לעבן אינדערהיים מיט דעם וועג וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז.

דערנאך האבן די חשוב'ע פרויען א געלעגנהייט צו פארציילן א מעשה פון תפלה וואס זיי האבן געהאט די וואך.

נאכן צאמקום איז דא אויסגעלייגט אן אויסוואל פון שיינע קליידער פאר די גאנצע משפחה, וואס דאס ווערט אנגעפירט דורך די באזאר פונעם שטעטל, די וואך איז צוגעלייגט געווארן נאך א שטוב צום באזאר מיט א גרעסערע אויסוואל פון קליידער און דאס גלייכן, פאר ממש א קליינע אפצאל.

דער ראש ישיבה שליט"א איז מחזק די חשוב'ע פרויען כמעט יעדע וואך אז מען זאל זיך נישט שעמען צו נעמען קליידער פון באזאר, נאר אדרבה דאס דארף זיין א חשיבות נישט אויסצורייסן די מאנ'ס געלט.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שְׁנַת תשע"ז לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ אִיז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער שַׁבָּת, דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת פוּן שׁוֹבָבִי"ם. מוֹהֲרָא"שׁ ז"ל פְלֶעגְט יֶעדֶעס יָאר בַּיי דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר פוּן פַּרְשַׁת שְׁמוֹת נָאכְאַמָאל אִיבֶּער חַזֶר'ן דֶעם מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא (בְּרֵאשִׁית ג): **'עֹנֶג שַׁבָּת כְּאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת'**, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת אוּן עֶר הָאט הֲנָאָה פוּן זַיין עֶסְן אוּן פוּן זַיין טְרִינְקֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אִיז אַזוֹי חָשׁוּב אַזוֹי וִוי עֶר פַאסְט טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים; דֶערְפַאר אַז מִיר הַאלְטְן יֶעצְט אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם וָואס דֶער אַרִיזַ"ל הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז מֶען קֶען אִין דִי טֶעג אַלֶעס פַארֶערִכְטְן, זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן הָאבְן אַ עֹנֶג שַׁבָּת, דֶער עִיקָר זֶע זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּיקוּנֵי זוֹהַר, תִּיקוּן מח) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת לה, ג): **לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת**, לֵייגְט דֶער זוֹהַר צוּ אֵיין וָוארְט: **"לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ 'הַכַּעַס' בְּיוֹם הַשַּׁבָּת"**, אַ גַאנְצֶע וָואךְ דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ וֶוערְן בְּכַעַס, אָבֶּער שַׁבָּת דַארְף מֶען נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ.

אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קלט, טז): "יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם" זָאגְן חֲזַ"ל (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק א): **"זֶה יוֹם שַׁבָּת לְיִשְׂרָאֵל, אַף עַל פִּי שֶׁאַתֶּם עוֹשִׂים מְלָאכָה כָּל שִׁשָּׁה יָמִים, יוֹם הַשַּׁבָּת יַעֲשֶׂה כּוּלוֹ תּוֹרָה"**, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט אַ גַאנְצֶע וָואךְ זָאל עֶר שַׁבָּת לֶערְנֶען תּוֹרָה, **"מִכָּאן אָמְרוּ: לְעוֹלָם יַשְׁכִּים אָדָם וְיִשַּׁנֶּה בְּשַׁבָּת, וְיֵלֵךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְבֵית הַמֶּדְרָשׁ, יִקְרָא בַּתּוֹרָה וְיִשְׁנֶה בַּנְּבִיאִים, וְאַחַר יֵלֵךְ לְבֵיתוֹ וְיֹאכַל וְיִשְׁתֶּה, לְפִי שֶׁאֵין לוֹ מְנוּחָה לְהקב"ה אֶלָּא עִם עוֹשֵׂי תּוֹרָה בִּלְבַד"**, דֶערְפַאר זָאל אַ מֶענְטְשׁ אוֹיפְשְׁטֵיין שַׁבָּת צוּפְרִי אוּן גֵיין אִין שׁוּל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן נָאכְדֶעם אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין נַחַת פוּן אַ מֶענְטְשׁ נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה. **"מִכָּאן אָמְרוּ: שֶׁיִּקְרָא אָדָם כְּדֵי שֶׁלֹּא תַשִּׂיגֵנוּ בּוּשָׁה וּכְלִמָּה בְּשָׁעָה שֶׁאוֹמְרִים לוֹ: "עֲמֹד וַעֲרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ", "עֲמֹד וַעֲרוֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ"**, זָאגְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וַוייטֶער אַ מוֹרָא'דִיגֶער לָשׁוֹן: אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֶען צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנָיוֹת, וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ: "הֵייבּ אָן זָאגְן חוּמָשׁ וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט", "הֵייבּ אָן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט", אוּן וִוי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי בּוּשָׁה אַז מֶען וֶועט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין מִיט אַן אָפֶענֶעם מוֹיל אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, אוּן זָאלְסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט: דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן **וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת** אִיז 'בִּיאָה', אַז שַׁבָּת דַארְף מֶען זֶען צוּ זַיין צוּזַאמֶען וְכוּ', אוּן דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע אַז עֶס זָאל זַיין קְרִיגֶערַייעֶן אִין שְׁטוּבּ צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ שַׁבָּת, אַז מֶען זָאל בְּלָאזְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט זַיין צוּזַאמֶען.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שְׁנַת תשע"ז לפ"ק

**לְכָבוֹד... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת דֶעם דַף גְּמָרָא; אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט דַיין קָאפּ מִיט דִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם דַף, זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם דַף גְמָרָא, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): **"שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין"**, אַז מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר לֶערְנֶען אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען דַארְף נִישְׁט גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין, אוּן בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

**עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ אַז אַלֶע חֲבֵרִים זָאלְן זִיךְ אִינְזִינֶען הָאבְן מִיט'ן הֶעלְפְן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה;** אַוַדַאי דַארְף מֶען וִויסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן דַארְף מֶען אַוֶועק לֵייגְן דִי אֱמוּנָה אוּן מֶען דַארְף יֶענֶעם הֶעלְפְן. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר אַז **דוּ זָאלְסְט טְרַאכְטְן פוּן דַיין חָבֵר** אוּן אַז דוּ הֶערְסְט לְמָשָׁל וִוי אֵיינֶער זוּכְט אַן אַרְבֶּעטֶער, טְרַאכְט גְלַייךְ צִי דוּ קֶענְסְט עֶס אָן שַׁדְכְנ'עֶן פַאר דַיין חָבֵר, אוּן אוֹיבּ דוּ הֶערְסְט וִוי אֵיינֶער זוּכְט אַ בַּעַל מְלָאכָה וְכַדוֹמֶה, טְרַאכְט גְלַייךְ פוּן דַיין חָבֵר, אוּן טוּ אַ חֶסֶד מִיט אַ חָבֵר, אוּן זָאג יֶענֶעם אַז דוּ הָאסְט אַ גָאר גוּטֶער בַּעַל מְלָאכָה.

גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן דִיר אַוֶועק שְׁלֶעפְּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; גֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיין אִין וִויכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, וַוייל דֶער וָואס טַעֲנָה'ט זִיךְ אוּן הֶערְט אוֹיס לֵיצָנוּת אוֹיף אַ צַדִיק אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט, סוֹף כָּל סוֹף בְּלַייבְּט אִין אִים אַבִּיסְל סַם אוּן דָאס שְׁלֶעפְּט אִים נָאכְדֶעם אִין גַאנְצְן אַוֶועק וְכוּ'. לֵיצָנוּת אִיז אַזַא הַארְבֶּע זַאךְ אוּן עֶס הָאט אַזַא כֹּחַ, אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט הוּנְדֶערְט דְרָשׁוֹת פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן פוּן הִתְחַזְּקוּת, אוּן **עֶס קוּמְט אַ לֵץ אוּן זָאגְט אַ וֶוערְטְל קֶעגְן וְכוּ', אִיז עֶס שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶע הוּנְדֶערְט דְרָשׁוֹת.**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קלג): **"שָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, שֶׁאָמַר אוֹי וַאֲבוֹי כִּי הָעוֹלָם מָלֵא מְאוֹרוֹת וְסוֹדוֹת נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, וְהַיָּד הַקְּטַנָּה עוֹמֶדֶת בִּפְנֵי הָעֵינַיִם וּמְעַכֶּבֶת מִלִּרְאוֹת אוֹרוֹת גְּדוֹלִים"**, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט נָאכְזָאגְן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "גִיוַואלְד, דֶער וֶועלְט אִיז פִיל מִיט לִיכְט, אוּן פוּל מִיט ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע אוּן פַארְכְטִיגֶע סוֹדוֹת, אוּן דָאס קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס"; הָאט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז וֶוען אֵיינֶער קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוּן הֶערְט ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע סוֹדוֹת וִוי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, סַיי מִיט זִיךְ אַלֵיין, סַיי מִיט פַּרְנָסָה, סַיי מִיט אַ וַוייבּ, סַיי מִיט קִינְדֶער אוּן מִיט וָואס נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ'; דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אָבֶּער גִיוַואלְד גִיוַואלְד, דָאס קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ לֵץ וָואס טְרֶעפְט דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר וֶוערְט מְקוּרָב, אוּן עֶר פְרֶעגְט אִים: **"וָואו דְרֵייסְטוּ זִיךְ?"** אוּן וֶוען יֶענֶער עֶנְטְפֶערְט אִים אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ לִיכְטִיגֶער ווִינְקֶעלֶע, מַאכְט דֶער לֵץ מִיט דִי הֶענְט אַזַא תְּנוּעָה פוּן בִּיטוּל, אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעשְׁרִיגְן: "גִיוַואלְד", אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען טַאקֶע שְׁרֵייעֶן: גִיוַואלְד גִיוַואלְד; אוּן דָאס אִיז אַ קַשְׁיָא וָואס עֶס הָאט נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ, פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ אוֹיסְהֶערְן לֵיצָנוּת אוֹיף אַ פְלַאץ וָואס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ לֶעבְּן?

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֵייעֶר **אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הָאבְּן מִיט לֵצִים**, אֲפִילוּ זֵיי זֶעעֶן אוֹיס וִוי חֲסִידִי'שֶׁע אִינְגֶעלַייט; בְּרוּדֶער אַנְטְלוֹיף פוּן דֶעם וִוי פוּן פֵייעֶר, וַוייל דוּ וֶועסְט נָאכְדֶעם בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן ה"י.

אִיךְ הָאף אַז דוּ לֵיינְסְט מַיין בְּרִיוו וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר יֶעדְן טָאג; **אִיךְ שְׁרַייבּ עֶס דִיר נִישְׁט מִיט טִינְט נָאר מִיט בְּלוּט**, עֶס קוּמְט מִיר אָן שְׁוֶוער צוּ מַאכְן צַייט דִיר צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ טְרַאכְט אַז עֶס וֶועט דִיר הֶעלְפְן אִין דַיין טָאג טֶעגְלִיכֶער לֶעבְּן; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁרַייבּ מִיר צוּרִיק אֲפִילוּ אַפָּאר וֶוערְטֶער, אִיךְ זָאל וִויסְן צִי דוּ ווִילְסְט נָאךְ אַז אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן, אוּן צִי דִי לֵיינְסְט מַיינֶע בְּרִיוו.

גֶעדֶענְק גוּט: דֶער עִיקָר אִיז דֶער רָצוֹן; אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַרוֹיס זָאגְן אַלֶע זַיינֶע רְצוֹנוֹת פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זָאגְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, אִיךְ ווִיל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען, אִיךְ ווִיל דַאוֶוענֶען, אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ רֵיינֶע מוֹיל, אִיךְ ווִיל נִישְׁט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה"**, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אִיז עֶס מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְטִילַת יָדַיִם לִסְעוּדָה, הֲלָכָה ו, אוֹת עה): דֶערְפַאר זָאגְן מִיר בַּיים בֶּענְטְשְׁן: "רַבּוֹתַי מִיר 'ווִילְן' בֶּענְטְשְׁן" אוּן נִישְׁט "מִיר 'וֶועלְן' בֶּענְטְשְׁן" וַוייל דֶער עִיקָר אִיז דֶער רָצוֹן.

אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן, אוּן מִיט אַהֲבָה אֵיינֶעם מִיטְן צְוֵוייטְן קֶען מֶען זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין. גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן נָאר גוּטֶע חֲבֵרִים, אוּן לָאז דִיךְ אָפּ פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי רוּפְט זֵיי אָן (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג) 'מְדַבְּרִים', וָואס זֵיי זוּכְן נָאר צוּ מַאכְן מַחֲלֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן אֵיינֶעם מִיטְן צְוֵוייטְן; וַוייל דִי מְדַבְּרִים וָואס בְּרֶענְגֶען דִיר נַייעֶס וָואס דֶער הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף דִיר אוּן וָואס יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דִיר, דִי מְדַבְּרִים גֵייעֶן נָאכְדֶעם אוּן בַּארֶעדְן דִיךְ פַאר אַ צְוֵוייטְן, אוּן גֵייעֶן צוּ דַיינֶע חֲבֵרִים אוּן מַאכְן קְרִיגֶערַייעֶן צְוִוישְׁן דִיר אוּן דַיינֶע חֲבֵרִים וְכוּ'.

**הַצְלָחָה רַבָּה.**

וכו'.

**א) דער הייליגער רבי נתן האט געזאגט: או הא; א ... און נאך אלץ א ברסלב'ע חסיד?!**

**ב) דער הייליגער רבי נתן האט געזאגט: אפילו מען זאל אויסשפרייטן ... וועל איך נאך אלץ פארן אויף אומאן ראש השנה.**

חידות
אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז רבקה וועבערמאן תחי' תלמידה בית פיגא קרית ברסלב ליבערטי

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161
אדער גיבט איבער די תירוצים פאר'ן מלמד אדער טיטשער.

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

א) געשיקט די קינדער צו מיר.
ב) מיט דרך ארץ
ג) לויפט ארום מיט א פארמאכטע האנט און אלע לויפן אים נאך


פאר אלע אייערע קאנסטראקשן געברויכן
רופט דעם עקספערט
שמשון צבי טייטלבוים
845-243-1580

מיר קוקן איבער אייערע קליידער פון שעטנז
רופט
משפחת גאלדבערגער פון קרית וויזניץ
קיימישע
845-796-2431

פאר אלע אייערע הויז און קאר אינשורענס
געברויכן רופט דעם אינשורענס עקספערט
ישראל שלום דעלקאוויטש
347-661-2579